בס"ד

בשלח תשפ"ב

גליון 76

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרע קִינְדֶער

שַׁבָּת שִׁירָה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי דְרַיי שַׁבָּתִים וָוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פָארְן צוּ זַיינֶע חֲסִידִים. אוּן ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַלֶע תִּקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט וֶוערְט נָאךְ שְׁטֶערְקֶער נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת.

מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ שׁוֹין אִין דִי דְרֵייסִיג טֶעג פַאר פּוּרִים קָטָן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֲלָכוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב דְרֵייסִיג טֶעג בֶּעפָאר, בִּפְרָט פַאר אַזַא יוֹם טוֹב וָוען אַלֶע הַתְחָלוֹת הֵייבְּן זִיךְ אָן אִין דֶעם טָאג פּוּרִים.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַארְצֵיילְט אוּנְז אִין דִי פַּרְשָׁה, דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעזֶען בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף, אַ דִינְסְט הָאט גֶעזֶען בַּיים יַם אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט אִין זַיין צַייט נִישְׁט גֶעזֶען. דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס מֶען זֶעט דִי וָואךְ אִין פַּרְשָׁה ווִי בִּזַּת הַיָּם, דֶער מָן וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל טָאג טֶעגְלִיךְ. נָאךְ דִי אַלֶע ווּאוּנְדֶער שְׁטֵייט "וַיָּרֶב הָעָם עִם מֹשֶׁה" - דִי אִידְן הָאבְּן גֶעקְרִיגְט קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן מֹשֶׁה הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם מֵי מְרִיבָה, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן אוֹיסְפְּרוּבִּירְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן פְּרֶעגְן: "הֲיֵשׁ ה' אִם אָיִן". אוּן דַאן אִיז גֶעשֶׁען אַז "וַיָּבֹא עֲמָלֵק," רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט דִי חֲזַ"ל פַארְוָואס שְׁטֵייט דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲמָלֵק נָאנְט צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע פַּרְשָׁה, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, אוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פְּרֶעגְן: "אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט אוּנְז אָדֶער נִישְׁט?" זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער: "אִיךְ וֶועל עֶנְק שִׁיקְן אַ הוּנְט וָואס בַּייסְט אוּן עֶנְק וֶועלְן שְׁרֵייעֶן צוּ מִיר, אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק ווִיסְן וואוּ אִיךְ בִּין."

עֶס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרָאגְט זַיין זוּן אוֹיפְן אַקְסְל אוּן גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג, אִינְמִיטְן וֶועג בֶּעט דָאס קִינְד פוּנֶעם טַאטְן: "גֶעב מִיר עֶפֶּעס אַ זַאךְ" אוּן דֶער טַאטֶע גִיט אִים גְלַייךְ. אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער בֶּעט דָאס קִינְד נָאכְאַמָאל אוּן דֶער טַאטֶע גִיט אִים ווַייטֶער וָואס עֶר בֶּעט. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים דְרִיטְן מָאל. גֵייעֶנְדִיג אַבִּיסְל טִיפֶער אִין וֶועג קוּמְט זֵיי אַנְטְקֶעגְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן דָאס קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "הָאסְט אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטְן?" רוּפְט זִיךְ אָן דֶער טַאטֶע צוּם קִינְד: "דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אִיךְ בִּין?" דֶער טַאטֶע וַוארְפְט אַרָאפּ דָאס קִינְד אוֹיף דֶער עֶרְד. גְלַייךְ אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

רַבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת דֶער סוֹד פוּן קְלִפַּת עֲמָלֵק וֶועלְכֶער וַוארְפְט אַרוֹיף אוֹיף אוּנְז אַ שִׁכְחָה מִיר זָאלְן פַארְגֶעסְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז שׁוֹין גֶעטוּן בִּיז הַיינְט, פוּן אָנְהוֹיבּ וֶוען עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן מִצְרַיִם מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹתוֹת אוּן מוֹפְתִים אוּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, שְׁפֶּעטֶער דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים

המשך אויף זייט 8

# דִי וֶועגְן בֶּענְקֶען

מִיר הָאבְּן פַאר צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן ווִי אַזוֹי ר' נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן דוּרְךְ זַיין חָבֵר ר' לִיפָּא, וָואס הָאט אִים אוּן ר' נַפְתָּלִי גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן.

יֶעצְט וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס ר' אַבְרָהָם בר"נ הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטְן, וָואס הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן ר' נָתָן.

אִין יָאר תקס"ג, אָנְהוֹיבּ פוּן ר' נָתְנְ'ס הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ תּוֹרָה אוּן אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. (תורה כ"ג) יֶענֶעם שַׁבָּת וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, אִיז ר' לִיפָּא גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעמֵיינְט וֶוען עֶר הָאט אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן תַּאֲוַות מָמוֹן. ר' לִיפָּא הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אַ גֶעשֶׁעפְט מִיט אַ סוֹחֵר אִין דֶעם בִּיזְנֶעס אִיז גֶעוֶוען אַרַיינְגֶעמִישְׁט דִי גֶעלְט תַּאֲוָה, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן נָאכְן עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, "לִיפָּא, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גֶעלְט".

נָאךְ שַׁבָּת וֶוען ר' לִיפָּא אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן, הָאט עֶר צוּ זִיךְ גֶעטְרַאכְט, 'אוֹיבּ וֶועל אִיךְ וַוייטֶער פָארְן צוּם רֶבִּי'ן קֶען נָאךְ מְקַיֵּים וֶוערְן דֶעם רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער אוּן אִיךְ קֶען נָאךְ פַארְלִירְן מַיין גֶעלְט! "נֵיין, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט פָארְן צוּ דֶעם רֶבִּי'ן" הָאט ר' לִיפָּא בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט!

"דֶער רֶבִּי אִיז פוּן עוֹלָם הַבָּא אוּן אִיךְ בִּין פוּן עוֹלָם הַזֶּה!" הָאט ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט. עֶס הָאט אִים אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן זַיינֶע הִשְׁתַּדְּלוּת אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן ווַייל דָאס רֶעדְל הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ דְרֵיי אוֹיס אוּן וואוּ עֶר הָאט נָאר אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן בִּיזְנֶעס הָאט זִיךְ עֶס אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט ווִי אַ פְלַאשׁ אוֹיל אוֹיף דֶער עֶרְד. עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן אָרִימַאן. אַזוֹי וַוייט הָאט זַיין שְׁלִימַזְל אִים גֶעשְׁפִּילְט אַז, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ ווִינְט אוּן אַרוֹיסְגֶערִיסְן זַיין הוֹיז, לָאזְנְדִיג ר' לִיפָּא אָן אַ דַאךְ אוּן אָן וֶוענְט אַרוּם זִיךְ. אוּן ר' לִיפָּא אִיז מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. פַאר'ן רֶבִּי'ן הָאט זַייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז זַיין תַּלְמִיד וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹבֵד ה' הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אִים.

עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן. אֵיין שַׁבָּת הָאט ר' לִיפָּא עוֹלָה גֶעוֶוען צוּ דֶער תּוֹרָה אוּן בַּאקוּמֶען מַפְטִיר. עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי וֶוערְטֶער "הֲלֹא מֵעַתָּה קָרָאתִי לִי אָבִי.." הָאט זִיךְ ר' נָתָן אָנְגֶערוּפְן צוּ ר' לִיפָּא, "עִמָּנוּ הֱיִיתֶם - דוּ בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען מִיט אוּנְז", קוּק וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר, פוּן אַזַא רֶבִּי'ן בִּיסְטוּ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען?"

נָאךְ דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט בַּיי ר' לִיפָּא'ן דִי סְטְרִינֶעס. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּענְקְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. זַיין הַארְץ אִיז אִים אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען נָאכְאַמָאל זִיךְ צוּ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם הֵיילִיגְן קְוואַל. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן ווִידֶער צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶערְוַוייטֶערְט אַסַאךְ יָארְן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט:

"אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן מֶען רִירְט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיפְצוּגֵיין צוּ אַן הֶעכֶערֶע דַּרְגָּה אִין יִרְאַת שָׁמַיִם נָאר מֶען שְׁטֵייט אוֹיפְן זֶעלְבְּן פְּלַאץ ווִי פְרִיעֶר אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז נָאךְ עֶרְגֶער גֶעוָוארְן, אָבֶּער טָאמֶער אִיז מֶען מְקֻשָּׁר צוּם צַדִּיק אֱמֶת אִיז עֶס זַייעֶר חָשׁוּב אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן."

עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ אוֹיפְן פָּסוּק, "דַּרְכֵי צִיּוֹן אֲבֵלוֹת", דִי וֶועגְן קְלָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דִי 'עוֹלֵי רֶגֶל' הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרֶעטְן אוֹיף זֵיי. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דִי וֶועגְן וָואס פִירְן צוּם צַדִּיק. אוֹיבּ דִי מֶענְטְשְׁן - וֶועלְכֶע פְלֶעגְן פָארְן אוּן קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועגְן צוּם רֶבִּי'ן שְׁטֶעלְן פְּלוּצְלִינְג אָפּ זֵייעֶר נְסִיעוֹת, טוּעֶן דִי וֶועגְן לֶעכְצְן אַז נָאךְ אַ חָסִיד זָאל פָארְן אוֹיף זֵיי אוּן קוּמֶען צוּם צַדִּיק.

דער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' לִיפָּא: "עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַוֶועקְוואַרְפְן אַזַא בַּאלִיבְּטֶע און פְרַיינְדְלִיכֶע חֲבוּרָה?"

אוֹיב בִּיזְטוּ דִי אַלֶע יָארְן נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועגְן הָאסְטוּ דָאךְ זִיכֶער שָׁאדְן גֶעהַאט, ווִידֶער אוֹיב בִּיסְטוּ יָא גֶעוֶוען אַן עוֹבֵד ה' וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט זַיין נָאךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער וֶוען דוּ וָואלְסְט זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט דַיין קָאפּ צְווִישְׁן דִי הֵיילִיגֶע חֲבֵרִים.

ר' לִיפָּא הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ טַייכְל טְרֶערְן אוֹיף דֶער עֶרְד פוּן זַיין גֶעוֵויין..

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



אִיךְ ווִיל אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן מַיינֶע גָאר אִינְגֶע יָארְן.

אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, מִיר הָאבְן גֶעהַאט שַׁייכוּת צוּ אַן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת.

אִין חָצֵר פוּן אוּנְגַארִישֶׁע הַייזֶער, אִיז דָא בּוֹר וַואסֶער, הַיינְט בִּיצְט מֶען דָאס שׁוֹין נִישְׁט, אָבֶּער מִיט נִישְׁט קַיין סַאךְ יָארְן צוּרִיק, פְלֶעגְט מֶען פוּן דָארְט שֶׁעפְּן וַואסֶער.

גֶעוֶוען אִיז עֶס אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בָּאכְמִיטָאג, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן פִיר - פִינְף יָאר, אִין דָאס בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט הָאט מֶען גֶעהַאלְטְן בַּיי הַפְסָקָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ, וֶוען פְּלוּצְלִינְג הֶערְט מֶען הוֹיכֶע זִינְגֶערַייעֶן. עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין טַאנְצְנְדִיג, עֶלְטֶערֶע אִידְן, טַאטֶע'ס, בָּחוּרִים נָאךְ אוּן נָאךְ, מֶען זִינְגְט פְרֵיילִיךְ "בְּךָ רַבֵּינוּ נָגִילָה, בְּךָ רַבֵּינוּ נִשְׂמְחָה" דִי טֶענְץ וֶוערְן הֶעכֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער... מַיין מַאמֶע הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן אִין הוֹיף פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִיךְ זָאל קֶענֶען בֶּעסֶער זֶען וָואס דָא גֶעשֶׁעט.

אִיךְ זֶע ווִי גָאר אַסַאךְ עֶלְטֶערֶע חֲסִידִים - בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אִידְן כַאפְּן זִיךְ אַן הַאנְט בַּיי הַאנְט אוּן טַאנְצְן, אָבֶּער מִיט אַזַא מִין שִׂמְחָה אַזַא דֶערְהוֹיבְּנְקַייט, וֶוען אִיךְ דֶערְקֶען דָאס צוּרָה פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק מִיט נָאךְ עֶלְטֶערֶע חֲסִידִים.

וָואס אִיז גֶעשֶׁען? דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים הַאלְטְן שׁוֹין נָאכְן הֵיילִיגְן קִבּוּץ, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעדַאוְונְט מִנְחָה מֶען גֵייט זָאגְן תַּשְׁלִיךְ - אַזוֹי ווִי הַיינְט אִין אוּמַאן וֶוען מֶען גֵייט צוּם טַייךְ. [יֶענֶע יָארְן הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אוּמַאן אִיז דֶער קִבּוּץ פָארְגֶעקוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם אִין מֵאָה שְׁעָרִים שׁוּל.]

דִי סְצֶענֶע פוּן דִי טֶענְץ גֵייט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ. דִי שִׂמְחָה, דִי בְּרֶען, דָאס חִיוּת וָואס דִי אִידְן הָאבְן גֶעהַאט, אַז וֶוען אִיךְ הֶער דֶעם נִיגוּן "בְּךָ רַבֵּינוּ" בְּרֶענְגְט מִיר עֶס צוּרִיק צוּ דֶעם מַחֲזֶה נוֹרָא וָואס דֶערְמַאנְט מִיר אוּן גִיבְּט מִיר דֶעם גֶעפִיל אַז וֶוען בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען וֶוערְט פוּן דֶעם גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פְרֵייד אוּן אַנְגֶענֶעמְקַייט!

רַק אַתֶּם תַּחְזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד!

~ ~ ~

דָאס צְווֵייטֶע מָאל וֶוען אִיךְ הָאבּ בַּאגֶעגְנְט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים אִיז גֶעוֶוען, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר'ל. דִי הַנְהָלָה פוּן מַיין יְשִׁיבָה הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פַאר פוּרִים אַלֶע בָּחוּרִים צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט. "יֶעדֶער בָּחוּר דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען $100 פַאר דִי יְשִׁיבָה". דִי סְכוּם אִיז אִין יֶענֶע יָארְן גֶעוֶוען אַ רִיזִיגֶע סוּמֶע גֶעלְט, וָואס אִיךְ הָאבּ אַגַב

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה
~5~




אוּן אַזוֹי דֶער גִבּוֹר אִיז גִיוֶוען אַלֵיין אַ גִבּוֹר. נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְוִויזְן דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶען עֶר זָאל נֶעמֶען גְבוּרָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוֶוען זֵייעֶר אַ וִוילְד גְרוֹיסֶער גִבּוֹר.

וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ שְׁווֶערְד וָואס זִי הֶענְגְט אִין דֶער לוּפְטִין. אוּן דִי שְׁווֶערְד הָאט דְרַיי כֹּחוֹת. אַז מֶע הֵייבְּט אוֹיף דִי שְׁווֶערְד. אַזוֹי צוּ לוֹיפִין זִיךְ אַלֶע עֶלְצְטֶע פוּן דֶעם חַיִל. הָאבִּין זֵיי שׁוֹין מְמֵילָא אַ מַפָּלָה (דְהַיְינוּ דִי שׂוֹנְאִים) וָוארִין אַז דִי עֶלְצְטֶע אַנְטְלוֹיפִין. הָאט קֵיינֶער נִישְׁט צוּ פִירִין דִי מִלְחָמָה הָאבִּין זֵיי שׁוֹין בְּוַודַאי אַ מַפָּלָה. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. וָואלְטִין אֶפְשֶׁר פָּארְט דִי אִיבְּרִיקֶע גִיקָאנְט עֶפֶּעס נָאךְ מִלְחָמָה הַאלְטִין.

הָאט אָבֶּער דִי שְׁווֶערְד צְוֵויי שַׁארְפִין. אוּן זֵיי הָאבִּין צְוֵויי כֹּחוֹת. דוּרְךְ אֵיין שַׁארְף פַאלִין זֵיי אַלֶע. אוּן דוּרְךְ דֶער אַנְדֶערֶער שַׁארְף קְרִיגְן זֵיי דִי דָאר. (דְהַיְינוּ דִי שׂוֹנְאִים וָואס מֶען הַאלְט מִיט זֵיי מִלְחָמָה דְהַיְינוּ זֵיי וֶוערִין מָאגֶער אוּן דָאס לַייבּ פַאלְט זֵיי אָפּ. אַזוֹי וִוי דִי קְרֶענְק אִיז רַחְמָנָא לִיצְלַן. אוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶע טוּט אַ מַאךְ מִיט דֶער שְׁווֶערְד דָארְט וִוי זִי אִיז קְרִיגִין שׁוֹין דִי שׂוֹנְאִים דִי זַאכִין הַנַּ"ל דְהַיְינוּ דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶע מַאכְט מִיט דֶער שַׁארְף הָאבִּין דִי שׂוֹנְאִים גָאר אַ מַפָּלָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶע מַאכְט מִיט דֶער אַנְדֶערֶער שַׁארְף. קְרִיגִין דִי שׂוֹנְאִים דִי דָאר כַּנַּ"ל. אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט גְוִויזְן דֶעם גִבּוֹר. דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז פַאר הַאנְדִין צוּ דֶער שְׁווֶערְד. אוּן פוּן דָארְט הָאט עֶר גִינוּמֶען זַיין גְרוֹיסֶע גְבוּרָה.

אוּן מִיר הָאט דֶער מֶלֶךְ אוֹיךְ גְוִויזְן דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶען אִיךְ זָאל נֶעמֶען מַיין זַאךְ. הָאבּ אִיךְ גִינוּמֶען פוּן דָארְט דָאס וָואס אִיךְ בַּאדַארְף (כְּלוֹמַר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלֶץ הָאט עֶר גִיזָאגְט אַז אִים הָאט אוֹיךְ דֶער מֶלֶךְ גְוִויזְן דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶעט עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין זַאךְ דְהַיְינוּ תְּפִלָּה).

אוּן אַזוֹי הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהַאט אֵיין אוֹהֵב נֶאֱמָן (כְּלוֹמַר אַ גוּטְן פְרַיינְט אַ גִיטְרַייעֶן) וָואס עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ גִיהַאט מִיט דֶעם מֶלֶךְ מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַזוֹי לִיבּ גִיהַאט. בִּיז זֵיי הָאבִּין נִישְׁט גִיקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָן דֶעם אַנְדֶערִין אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אַ שָׁעָה נִישְׁט זֶעהְן. נָאר סֶע אִיז זִיךְ אָבֶּער פָּארְט פַארְהַאנְדִין צַייט וָואס מֶע מוּז נִישְׁט זַיין אִין אֵיינֶעם.

הָאבִּין זֵיי גִיהַאט פַּאטְרֶעטִין. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט זֵייעֶרֶע בֵּיידֶע צוּרוֹת. פְלֶעגִין זֵיי זִיךְ מְשַׁעְשֵׁעַ זַיין (כְּלוֹמַר תַּעֲנוּג אוּן נַחַת הָאבִּין) מִיט דִי צוּרוֹת דֶעמוּלְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ נִישְׁט גִיקָאנְט זֶעהְן. אוּן דִי צוּרוֹת זֶענֶען גִיוֶוען אַזוֹי אוֹיס גִימָאלְט אַזוֹי וִוי דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶעם אוֹהֵב נֶאֱמָן הָאבִּין זִיךְ לִיבּ אוּן וִוי זֵיי קוּשִׁין זִיךְ אוּן הַאלְדְזִין זִיךְ מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט.

אוּן דִי פַּאטְרֶעטִין הָאבִּין אִין זִיךְ אַ סְגוּלָה גִיהַאט. אַז וֶוער סֶע הָאט גִיקוּקְט אוֹיף דִי צוּרוֹת הָאט עֶר גִיקְרִיגִין גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט (כְּלוֹמַר דִי מִדָּה פוּן אַהֲבָה הָאט מֶען גִיקְרִיגִין אַז מֶע הָאט גִיקוּקְט אוֹיף דִי צוּרוֹת) אוּן דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן הָאט אוֹיךְ גִינוּמֶען דִי אַהֲבָה (דְהַיְינוּ דָאס לִיבְּשַׁאפְט) פוּן דֶעם אָרְט וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְוִויזְן.

אִיז גִיקוּמֶען אַ צַייט. וָואס דִי אַלֶע זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין. אַז עֶר זָאל דָארְט נֶעמֶען זַיין כֹּחַ פוּן זַיין זַאךְ. דְהַיְינוּ דֶער מֵלִיץ אוּן דֶער גִבּוֹר אוּן דִי אַלֶע לַייט פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז אִטְלִיכֶער גִיגַאנְגֶען אִין זַיין אָרְט אַרַיין עֶר זָאל דָארְט בַּאנַייעֶן זַיין כֹּחַ.

וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רוּחַ סְעָרָה (דְהַיְינוּ אַ שְׁטוּרֶעם ווינט) אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט מְבַלְבֵּל גִיוֶוען (כְּלוֹמֶר פַּארְמִישְׁט) גָאר דִי וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט פוּן יַם יַבָּשָׁה אוּן פוּן יַבָּשָׁה יַם. אוּן פוּן מִדְבָּר יִישׁוּב אוּן פוּן יִישׁוּב מִדְבָּר. אוּן עֶר הָאט גָאר דִי וֶועלְט אִיבֶּער גִיקֶערְט.

אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז אַרַיין צוּם מֶלֶךְ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט דָארְט גָאר נִישְׁט גִיטָאן (כְּלוֹמֶר עֶר הָאט דָארְט בַּאם מֶלֶךְ קֵיין שׁוּם שָׁאדִין נִישְׁט גִיטָאן) נָאר עֶר אִיז אַרַיין (דֶער רוּחַ סְעָרָה) אוּן הָאט אַוֶועק גִיחַאפְּט דָאס קִינְד פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה הַנַּ"ל.

אוּן אִין דֶעם אוּמְפִּיט. תֵּיכֶף וִוי עֶר הָאט אַוֶועק גִיחַאפְּט דָאס טַייעֶר קִינְד. אִיז תֵּיכֶף דִי בַּת מַלְכָּה נָאךְ (כְּלוֹמֶר דִי בַּת מַלְכָּה הָאט תֵּיכֶף אָנְגִיהוֹיבְּן נָאךְ לוֹפִין נָאךְ דֶעם קִינְד דִי זָאל עֶס קְרִיק חַאפִּין. אִיז זִי אוֹיךְ עֶרְגִיץ אַוֶועק אוּן מֶע ווייסְט נִישְׁט ווִי) אוּן אַזוֹי דִי מַלְכָּה. אוּן אַזוֹי דֶער מֶלֶךְ זֶענֶען אַלֶע נָאךְ. נָאךְ דֶעם קִינְד. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארְן. אוּן מֶע ווייסְט נִישְׁט וואוּ זֵיי זֶענֶען.

אוּן מִיר אַלֶע זֶענֶען דֶערְבַּיי גָאר נִישְׁט גִיוֶוען. וָוארִין מִיר זֶענֶען דֶעמוּלְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין צוּ בַּיי נַייעֶן זַיין כֹּחַ כַּנַּ"ל. אוּן ווִי מִיר זֶענֶען צוּרִיק גִיקוּמֶען. הָאבִּין מִיר זֵיי אַלֶע שׁוֹין נִישְׁט גִיפוּנֶען כַּנַּ"ל.

אוּן דִי יַד אִיז אוֹיךְ פַּארְפַאלִין גִיוָוארְן דֶעמוּלְט. אוּן פוּן דֶעמוּלְט אָן. זֶענֶען מִיר אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארְן. אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין. צוּ בַּאנַייעֶן זַיין כֹּחַ. וָוארִין אַז דִי וֶועלְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער גִיקֶערְט גִיוָוארְן. בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין אַנְדֶערֶע וֶועגְן הַייְנְט.

אִיבֶּער דֶעם קָאנֶען מִיר שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין ווִידֶער אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין כֹּחַ. נָאר דִי רְשִׁימָה וָואס בַּיי אִיטְלִיכְן אִיז גִיבְּלִיבְּן (כְּלוֹמֶר דֶער צֵייכְן דְהַיְינוּ דָאס בִּיסְל כֹּחַ וָואס סֶע אִיז נָאךְ בַּיי אִיטְלִיכְן גִיבְּלִיבְּן פוּן לַאנְג) אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס. אוּן אוֹיבּ דֶער גִיבּוֹר (וָואס דִי מְדִינָה הָאט פַאר אִים מוֹרָא גִיהַאט) אִיז דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אִיז עֶר בְּוַודַאי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פַאר דִי לַייט הַנַּ"ל).

אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיס גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר פַּארְוואוּנְדֶערְט. אוּן זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיהַאלְטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה בַּיי זִיךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִישְׁט גִיוָואלְט אַוֶועק לָאזִין פוּן זִיךְ (וָוארִין טָאמֶער דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר וִויל אָנְקוּמֶען אוֹיף זֵיי. אִיז עֶר דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה קָאן זִיךְ מִיט אִים).

אוּן דֶער גִבּוֹר הַנַּ"ל אִיז אַלֶע מָאל צוּ גִיקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ דֶער מְדִינָה אוּן עֶר הָאט אַלֶע מָאל גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים צוּ זֵיי. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט אוּן הָאט צוּ זֵיי אַרַיין גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים. (אַז זֵיי זָאלִין אִים זָאגְן וָואס זֵיי ווִילִין צוּ אוּנְטֶער גִיבְּן זִיךְ צוּ זַיין כַּנַּ"ל).

הָאבִּין זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס מוֹרָא גִיהַאט פַאר אִים. הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטְין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר זָאל זֵיי אֵיין עֵצָה גֶעבְּן. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צוּ זֵיי גִיזָאגְט. מֶען בַּאדַארְף קְלֶערְן. דָאס פִּירִיכְץ פוּן דֶעם גִבּוֹר. כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְךְ דֶעם דֶערְקֶענֶען. אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל.

אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ זַיין חַיִל פוּן דֶעם גִבּוֹר. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט אֵיין גִבּוֹר פוּן דִי גִבּוֹרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר (דְהַיְינוּ מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי וַוארְטֶעס) (כְּדֵי עֶר זָאל קְלֶערְן אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר קָאן זִיךְ מִיט אִים)

הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז אַייעֶר טוּן. אוּן ווִי אַזוֹי זֶענְט אִיר אַייךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער אֵיינֶער פוּן דִי גִבּוֹרִים הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גִיוֶוען.

בַּאֲשֶׁר סֶע פַּארְשְׁרִיבְּן אִין זֵייעֶרֶע קְרוֹינִיקֶעס. אַז סֶע אִיז אַמָאל גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רוּחַ סְעָרָה (דְהַיְינוּ אַ שְׁטוּרִים ווינְט) אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה. הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט גָאר דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט פוּן יַם יַבָּשָׁה אוּן פוּן יַבָּשָׁה יַם אוּן פוּן מִדְבָּר יִישׁוּב אוּן פוּן יִישׁוּב מִדְבָּר. אוּן עֶר הָאט גָאר דִי וֶועלְט פַּארְמִישְׁט.

אוּן נָאךְ דֶעם רַעשׁ וָואס גָאר דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פַּארְמִישְׁט גִיוָוארְן. נָאךְ דֶעם הָאבִּן זִיךְ דִי מֶענְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. זֵיי ווִילְן זִיךְ מַאכִין אַ מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן. ווֶער סֶע אִיז רָאוּי אַז מֶען זָאל אִים מַאכִין פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי.

הָאבִּין זֵיי גִיקְלֶערְט. בַּאֲשֶׁר דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נָאר דֶער תַּכְלִית. דְרִיבֶּער. ווֶער סֶע פָּארִיט זִיךְ מֶער אוּן אִיז זִיךְ מֶער מִשְׁתַּדֵּל אִין דֶעם תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט דֶער דָאזִיגֶער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן. וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית. אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוָוארְן כַּמָּה דֵעוֹת.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד. וָוארִין מִיר זֶעהְן זִיךְ אַז כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר בַּיי דֶער וֶועלְט. וָוארִין אַז מֶען גִיט

נִישְׁט אַפּ דֶעם מֶענְטְשְׁן זַיין כָּבוֹד. דְהַיְינוּ אַז מֶע רֶעט אִים עֶפֶּעס אַ וָוארְט אַקֶעגְן זַיין כָּבוֹד. הָאט עֶר שְׁפִיכוּת דָמִים.

וָוארִין דֶער עִיקָר אִיז דֶער כָּבוֹד בַּיי גָאר דֶער וֶועלְט. אוּן נָאךְ דֶעם טוֹיט הִיט מֶען אוֹיךְ אָפּ. אַז מֶען זָאל אָפְּגִיבִּין דֶעם מֵת זַיין כָּבוֹד. אַז מֶען זָאל אִים מְקַבֵּר זַיין מִיט כָּבוֹד אוּן דֶעסְט גְלַייכִין. (אוּן מֶען זָאגְט אִים וָואס מֶע טוּט דִיר טוּט מֶען דִיר אַלְץ פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגִין)

חָאטְשֶׁע נָאךְ דֶעם טוֹיט. ווִיל מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֵיין גֶעלְט אוּן דֶער מֵת גְלוֹסְט שׁוֹין בְּוַודַאי נִישְׁט קֵיין שׁוּם זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין כָּאפְּט אוֹיף דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם מֵת אִיז מֶען מַקְפִּיד. אוּן מֶע הִיט אִים אָפּ זַיין כָּבוֹד. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער כָּבוֹד דֶער עִיקָר תַּכְלִית.

אוּן נָאךְ אַזוֹינֶע סְבָרוֹת אוּן גִידְרַאנְגֶען אַזוֹינֶע הָאבִּין דִי דָאזִיגֶע אַלְץ גִיזָאגְט. אַז כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט. בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד.

אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען זוּכִין אֵיין אִישׁ מְכוּבָּד (כְּלוֹמֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט כָּבוֹד) אוּן דֶערְצוּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נָאךְ יָאגִין נָאךְ כָּבוֹד. וָוארִין ווייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט כָּבוֹד אוּן יָאגְט נָאךְ דֶעם כָּבוֹד. אוּן עֶר הֶעלְפְּט דִי טֶבַע וָואס זִי ווִיל כָּבוֹד.

נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִשְׁתַּדֵל אוּן גֵייט נָאךְ דֶעם תַּכְלִית. אוּן הָאט דֶערְלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית. וָוארְן דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ כָּבוֹד. כַּנַ"ל. אִיבֶּער דֶעם דֶער מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין מֶלֶךְ (אַזוֹי אִיז אַלְץ גִיוֶוען דִי נַארִישֶׁע דֵיעָה פוּן אַ טֵייל פוּן זֵיי. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַזוֹי גִיפוּנֶען נַארִישֶׁע סְבָרוֹת. אוּן גִידְרַאנְגֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען דְרִינֶען פַארְפִירְט גִיוָוארִין. אוּן הָאבִּין גִיזָאגְט אַז כָּבוֹד אִיז דֶער תַּכְלִית. אוּן אַזוֹי דִי אַלֶע כִּתּוֹת וָואס דָא וֶועט וַוייטֶער שְׁטֵיין הָאבִּין זֵיי אַלֶע גִיהַאט נַארִישֶׁע גִידְרַאנְגֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע דֵעוֹת).

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען זוּכִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִיזֶעהְן. ווִי מֶע הָאט גִיטְרָאגִין אֵיין אַלְטְן בֶּעטְלֶער אַ צִיגַיינֶער. אוּן סֶע זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען אֶפְשֶׁר פִינֶעף הוּנְדֶערְט צִיגַיינֶערְס.

אוּן דֶער בֶּעטְלִיר אִיז גִיוֶוען בְּלִינְד אוּן קְרוּם אוּן שְׁטוּם. אוּן דִי לַייט זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען וָוארִין זֵיי אַלֶע זֶענֶען גִיוֶוען זַיין מִשְׁפַּחְתִירֶע וָוארִין עֶר הָאט גִיהַאט שְׁוֶועסְטֶערְס. אוּן בְּרוּדֶערְס. אוּן זַיין זֶרַע מְרֵעִים. בִּיז סֶע אִיז פוּן זֵיי גִיוָוארִין אַזוֹי פִיל. דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אִים גִיטְרָאגִין.

אוּן דֶער אַלְטֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גִיוֶוען אוֹיף זַיין כָּבוֹד. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר בֵּייז. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיסִין בֵּייזֶער גִיטָאן. אוּן הָאט אַלֶע מָאל גִיהֵייסִין אַז אַנְדֶערֶע זָאלִין אִים טְרָאגִין. אוּן הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל גִיבֵּייזֶערְט אוֹיף זֵיי. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער אַלְטֶער בֶּעטְלֶער אַ גְרוֹיסֶער אִישׁ מְכוּבָּד. וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי אַ כָּבוֹד. אוּן יָאגְט אַזוֹי נָאךְ דֶעם כָּבוֹד. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף זַיין כָּבוֹד. אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי גִיפֶעלִין. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.

אוּן ווייל דָאס לַאנְד אִיז אוֹיךְ גוֹרֵם. וָוארִין סֶע פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה אִיז גוֹרֵם אוּן זִי אִיז מְסוּגָל צוּ כָּבוֹד. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז מְסוּגָל צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדָה. אִיבֶּער דֶעם. הָאבִּין דִי כִּיתָּה (וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען דֶער עִיקָר תַּכְלִית כָּבוֹד) גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גוֹרֵם אוּן מְסוּגָל צוּ כָּבוֹד. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז מְסוּגָל דֶערְצוּ הָאבִּין זֵיי זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.



# מיין מדות ווינקל

## אֱמוּנָה

טַייעֶרֶע קִינְדֶער דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה שְׁטֵייט וַיַּאֲמִינוּ בה' וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ אַז דוּרְךְ דִי נִסִּים פוּן קְרִיעַת יַם סוּף הָאבְּן דִי אִידְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין משֶׁה רַבֵּינוּ.

דָאס מֵיינְט אַז דוּרְךְ דִי נִסִּים וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיים יַם סוּף הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין זַיינֶע צַדִּיקִים אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אֲפִילוּ אַ פְּשׁוּטֶע דִינְסְט הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע הַשָּׂגוֹת נָאכְמֶער וִוי יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם צוּ וָואס אַ אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין זַיינֶע צַדִּיקִים וָואס דוּרְךְ זֵיי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶּער. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוּן אַפָּאר פְּלֶעצֶער אַז צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גַאנְצֶע אֱמוּנָה אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ דִי צַדִּיקִים.



דֶערִיבֶּער טַייעֶרע קִינְדֶער לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּזַאמֶען אִין גְלֵייבְּן אִין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים אוּן פָאלְגְן זֵייעֶרע עֵצוֹת, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועען צוּ וִויסְן פוּן אַזַא צַדִּיק אֱמֶת, אוּן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמוּנַת חֲכָמִים, אַז דִי אֱמוּנַת חֲכָמִים זָאל אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען צוּ גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶּער בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה - וָואס זַיין רַחֲמָנוּת הָאט נִישְׁט קַיין גְּבוּל אוּן עֶר וִויל שְׁטֶענְדִיג נָאר אוּנְזֶער גוּטְ'ס. אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר בְּוַודְאַי זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נִסִּים וְנִפְלָאוֹת אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט (מיכה ז' ט"ו) "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת". אוּן סְ'וֶועט בְּוַודְאַי מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן אכי"ר. (לקוטי מוהר"ן קמא כ"ב ג' תנינא ח' ח' שיחות הר"ן רפ"ב)

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעווטע מעשה (5) - מבעל תפילה

**א. וויאזוי איז דער גבור געווען שטארק?**
❑ פון זיך אליין
❑ דער מלך האט אים געוויזן פון וואו ער זאל נעמען גבורה
❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואו הענגט די שווערד?**
❑ אויף די זוילן פון דער וועלט
❑ אין דער לופטן
❑ עס איז געליגן אויף א בארג

**ג. וואס פאסירט ווען מ'הייבט אויף דעם שווערד?**
❑ אלע עלצטע (שרים) אנטלויפן
❑ אלע פאלן
❑ זיי באקומען די קרענק וואס הייסט דאר ר"ל

**ד. פון וואו האט דער גבור געוואוסט פון דעם שווערד?**
❑ ער האט אליין געהאט אזא שווערד
❑ דער קעניג האט אים געוואוזן דעם וועג צום שווערד
❑ דער בעל תפלה האט אים געוואוזן דעם וועג צום שווערד

**ה. וויאזוי האבן די אוהב נאמן און דער מלך אויסגעהאלטן אין די צייט וואס זיי קענען נישט זיין צוזאמען?**
❑ זיי האבן אינגאנצן מסיח דעת געווען איינער פון צווייטן
❑ זיי זענען אייביג געווען צוזאמען
❑ זיי האבן געהאט פאטרעטן וואס איז געווען אויסגעמאלט זייערע ביידע צורות האבן זיי זיך דעמאלט משעשע געווען מיט דעם

**ו. וואספארא סגולה האבן געהאט די פאטרעטין?**
❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהאלפן געווארן מיט קינדער
❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם האט באקומען די מדה פון אהבה
❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהאלפן געווארן מיט עשירות

**ז. וואס איז געשען איינמאל ווען זיי זענען געגאנגען באנייען זייערע כוחות?**
❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אויף דער וועלט
❑ זיי זענען געבליבן דארטן און האבן נישט געקענט צוריק קומען
❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אין די מדינה פונעם גבור

**ח. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט?**
❑ איבערגעדרייט פון ים צו יבשה און פון יבשה צו ים
❑ איבערגעדרייט פון מדבר צו ישוב און פון ישוב צו מדבר
❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט אין שטוב פונעם מלך?**
❑ עס האט אלעס איבערגעדרייט
❑ עס האט אלעס שאדן געמאכט
❑ עס האט ארויס געכאפט דאס קינד פון בת מלכה

**י. ווער איז נאכגעלאפן נאך דאס קינד?**
❑ די בת מלכה און די מלכה
❑ דער מלך
❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. זענען די מלך, מלכה, און בת מלכה גלייך צוריק געקומען?**
❑ יא
❑ זיי האבן צוזאמען פארבלאנדזעט
❑ זיי זענען צושפרייט געווארן און מ'האט נישט געוואוסט וואו זיי זענען

**יב. וואס נאך איז פארלוירן געווארן ביים שטורעם ווינט?**
❑ די יד פונעם מלך
❑ די שווערד פונעם גבור
❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. נאכ'ן שטורעם ווינט האבן זיי נאכאמאל געקענט באנייען זייער כח? און פארוואס?**
❑ ניין, ווייל יעצט דארף מען שוין נייע וועגן
❑ יא, ווייל די וועגן זענען געבליבן
❑ יא, ווייל זיי האבן געטראפן א נייע וועג

**יד. פארוואס האט אין כתה געזאגט אז דער תכלית איז כבוד?**
❑ ווייל אזוי האט זיי א עהרליכע איד געזאגט
❑ ווייל ביי די וועלט איז דער עיקר די כבוד
❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וועלכע קעניג האבן די כת פון כבוד געטראפן?**
❑ א אלטער בעטלער א ציגיינער וואס האט זייער מקפיד געווען אויף זיין כבוד
❑ א אלטער פעשער מענטש
❑ א אינגער מענטש וואס האט א גאנצן טאג גערעדט פון זיין כבוד

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוייל ארויס פון די מעשה?**
❑ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז____________________________________.
❑ אז כבוד איז נישט דער______________________.
❑ __________________________________________________.

המשך פון זייט 1

בַּיים אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי צַייטְן פוּן יְהוֹשֻׁעַ וָוען עֶר הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן אַנְטְקֶעגְן אֵיין און דְרֵייסִיג מְלָכִים, בִּיז דִי הַיינְטִיגֶע נִסִּים וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען דָאס זֶען וֶוער עֶס הָאט נָאר אָפֶענֶע אוֹיגְן.

אָבֶער עֲמָלֵק יִמַּח שְׁמוֹ וְוִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אוּנְז און אָפְּשְׁוַואכְן אוּנְזֶער הַארְץ ווִי גְלַייךְ מִיר הָאבְן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען יְשׁוּעוֹת פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת. עֶר וְוִיל מִיר זָאלְן נָאר פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא: "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן" עֶר קְרִיכְט אַרַיין צוּם מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ וָוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט און מַאכְט אִים פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער פוּן גֶעבּוֹירְן אָן בִּיז הַיינְט.

דִי וֶועג ווִיאַזוֹי מֶען הָאט מַכְנִיעַ גֶעוֶוען עֲמָלֵק אִיז וָוען משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק... וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים משֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל... וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה" זָאגְט רַשִּׁ"י אוֹיף דֶעם אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל מִיט אַ רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה'דִיגֶע גֶעבֶּעט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי אִידְן דֶעם כֹּחַ פוּן דַאוֶוענֶען און הָאבְן אֱמוּנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ קוּקְן אוֹיף אַרוֹיף, צוּם בַּאשֶׁעפֶער וָואס פוּן אִים קוּמְט אַלֶעס און נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ ווֶענְדְן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִלְחָמָה קֶעגְן עֲמָלֵק - וֶועלְכֶער זוּכְט שְׁטֶענְדִיג אוּנְז אוֹיפְוַוייזְן אַז מֶען פּוֹעֶלְ'ט גָארְנִישְׁט מִיט תְּפִלָּה חַס וְשָׁלוֹם.

מִיר קֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט אַלֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן עֲמָלֵק, וָוען נִישְׁט וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הַאלְט מִיט אִים מִלְחָמָה מִדּוֹר דוֹר, און מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת שִׁיקְט עֶר אוּנְז דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס חָכְמָה, בְּרֶענְגֶען זֵיי אִין אוּנְז אַרַיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִזּוּקִים - זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ זַיין מִן הָרַחֲמִים און גֶעבְּן אוּנְז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת זִיךְ צוּ הַאלְטְן מִיט תְּפִלָּה. בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּם רִיכְטִיגְן גְאוּלָה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין
אינעם גורל, 02-5-3333-72
1-518-329-9149 646-518-1095

המשך פון זייט 3

מַיין
## מַעֲשֶׂה'לֶע



קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען דָאס צוּ צַאמְשְׁטֶעלְן.

מִיר זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין אַלֶע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים שַׁאפְן דָאס גֶעלְט, דִי עֶרְשְׁטֶע בִּין אִיךְ אַרוֹיף אִין שׁוּל מֵאָה שְׁעָרִים, וָוען אַ שַׁחֲרִית פְלַאקֶערְט דָארְט, מֶען הַאלְט בַּיי פְּסוּקֵי דְזִמְרָה. אִיךְ שַׁאר זִיךְ אַרוֹיף צוּ דִי מִזְרָח טִישְׁן, גֶעבְּן אַ אִיד וֶועלְכֶער בְּרֶענְט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען עֶר לֵייגְט אַרָאפּ אַ תְּפִלָּה בְּכֹחַ, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֵייגְט פָארְנְט פוּן זַיין פְלַאץ אַסַאךְ פְּרוּטוֹת פוּן צֶען טָאלֶער (אַזוֹי הָאט גֶעהֵייסְן דִי מַטְבְּעוֹת פוּן דִי אֲגוֹרוֹת, צֶענְט). אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעלֶער בָּחוּר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען אַלֵיין גֶעלְט. אִיךְ שְׁטֵיי אִיךְ שָׁאקְל מַיין הַאנְט מֶען זָאל הֶערְן אַז אִיךְ בֶּעט פַּאר צְדָקָה, דִי מַטְבְּעוֹת אִין מַיין הַאנְט מַאכְן אַ רַעַשׁ, דֶער אִיד אִיז פַארְנוּמֶען מִיט תְּפִלָּה צוּם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער. אִיךְ שְׁטֵיי און קְלַאפּ מִיט דִי מַטְבְּעוֹת וָוען דֶער אִיד וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶער ווִי ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז"ל דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ מִיר מִיט צְוֵויי פֵייעֶרְדִיגֶע אוֹיגְן! מַמָּשׁ אַ שְׁטִיק פַייעֶר! עֶר קוּקְט מִיר אָן, אוֹיף זַיין פָּנִים ווַייזְט זִיךְ ווִי עֶר וָואלְט זִיךְ רַחֲמָנוּת'דִיג גֶעבֶּעטְן: "בָּחוּרְ'ל, נֶעם דִיר אַלֵיין דָאס גֶעלְט אָבֶער לָאמִיר דַאוֶוענֶען, שְׁטֶער נִישְׁט מַיין גֶעשְׁמַאקְן קֶשֶׁר וָואס אִיךְ הָאבּ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן".

פִּנְחָס.